STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04954

FARVOS SHLIS IKH ZIKH ON IN MAPAM

Zalman Kratko

Permanent preservation of this book was made possible
by Ernest & Jeanette Dicker
in memory of
Fannie & Leibl Kurtz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זלמן (זיגמונט) קראַטקאָ

פּאַרוואָס שליס איך זיך אָן אין מפּ"ם

תל־אביב 1973

דפוס ,,ראש פינה" — רחוב ראש פינה 19, תל־אביב

* * *

איך האַלט פאַר מיין מאָראַלישן חוב כלפּי חברים און פריינט, מיט וועלכע איך האָב זיך באַגעגנט און, טיילמאָל, צוזאַמענגעאַרבעט אין פאַר־לויף פון איבער 40 יאָר טעטיקייט אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג פון פוילן, און ספּעציעל אין די לעצטע 25 יאָר אין דער אַזוי־גערופענער פאָלקס־פוילן, בעת כ'האָב געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו באַגעגענען מיט מערער פריינד, — הן ווי דער סעקרעטאַר פון צענטראַל־ראַט פון די פוילישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אַלס לעקטאָר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי, אַלס היסטאָריקער פון דער פּראָפעסיאָנעלער און אַרבעטער־באַוועגונג, און הן ווי אַ פּובלי־ציסט — אויפצוקלערן פאַרוואָס איך האָב פולקום איבערגעריסן מיט דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און באַשלאָסן אַריינצוטרעטן אין די רייען פון דער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי „מפּ"ם".

די סיבות וואָס האָבן מיך דערצו באַוויגן, קאָן מען איינטיילן אין דריי גרופּן־פּראָבלעמען:

1. אַלגעמיין אידעאָלאָגישע;

2. די וואָס זענען נוגע דער יידן־פּראַגע;

3. פאַרוואָס דווקא „מפּ"ם.

1. אַלגעמיין - אידעאָלאָגישע מאָטיוון

ווען איך אַנאַליזיר היינט מיינע אַלע יאָרן וואָס כ׳האָב אָוועקגעגעבן דער קאָמוניסטישער באַוועגונג ביזן צוואַנציקסטן צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ראַטן־פאַרבאַנד אין יאָר 1956, און וויל פעסטשטעלן אויף וואָס, אייגנטלעך, האָט זיך געשטיצט מיין גאַנצע אידעאָלאָגיע, מוז איך קומען צו אַ טרויעריקן אויספיר, אַז: הויפּטזאַכלעך אויפן גלויבן. איך האָב, פאַרשטייט זיך, פיל געלערנט, פיל געלייענט און אַפילו געשריבן, אָבער דאָס אַלץ האָט באַדאַרפט באַשטעטיקן דעם גלויבן אין דער ריכטיקייט פון וועג פון ר״פ, אַלס די איינציקע מעגלעכקייט, דער איינציקער וועג אויף צו בויען אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. ר״פ איז געווען די פאָן, דער וועגווייזער און דעריבער האָב איך אַלץ באַרעכטיקט, וואָרום אַלץ איז דאָך כלומרשט לטובת דעם פאָלק, לטובת דער רעוואָלוציע, לטובת דעם סאָציאַליזם. דעם בלינדן, ממש פאַנאַטישן גלויבן קאָן מען, מעגלעך, פאַרגלייכן מיט „מאה שערים" — אַ „קאָמוניסטישע מאה שערים".

געווען שווערע מאָמענטן, ווען ביי אייניקע פון מיינע נאָענטע פריינד זענען אַנטשטאַנען געוויסע ספקות. נאָכן אַרויסגיין פון דער פּוילישער תפיסה אין יאָר 1936, האָבן זיך אָנגעהויבן די ערשטע גרויסע פּראָצעסן אין ראַטן־פאַרבאַנד, וועלכע האָבן ממש אויפגעטרייסלט. מיין נאָענטסטער פריינד און חבר פון די יונגסטע יאָרן, שמואל מענדעלסאָן, מיט וועמען איך האָב צוזאַמען געלערנט אין דער פּוילישער מלוכה־גימנאַזיע אין כעלעם, צוזאַמען שטודירט און געאַרבעט אין דער קאָמ.־באַוועגונג אין ווילנע, איז אין דער זעלבער צייט אַריינגעפאַלן אין תפיסה. ביי אים האָבן די פּראָצעסן אַרויסגערופן ספקות און ער האָט דיסקוטירט מיט אונדז אין אַן ענגן קרייז. ביי מיר אָבער — נישט, הגם נישט אַלץ איז מיר געווען קלאָר.

צי האָט מען נישט געהערט וועגן מאַסן־אַרעסטן, וועגן לאַגערן? געהערט. ס׳האָט געשריבן וועגן דעם די גאַנצע פּרעסע, דערונטער אויך די סאָציאַליסטישע; די „פאָלקס־צייטונג", דער „ראָבאָטניק", די „אַרבעטער־צייטונג", כ׳האָב אָבער זיי נישט געגלייבט. איך האָב געהאַלטן, אַז זיי שטרעבן נאָר צו באַשמוצן דעם ר״פ. פּונקט ווי היינט זענען פאַראַן נישט ווייניק קאָמוניסטן אין לאַטיין־אַמעריקע, אין ישראל און אין אַנדערע

לענדער, וואָס האַלטן, אַז די אַנטיסעמיטישע קאַמפּאַניע אין פּוילן אין די יאָרן 1967—1969 איז אַן אויסגעטראַכטע זאַך. אַזאַ פאַרבלענדעניש הערשט ביז היינט־צו־טאָג ביי נישט־ווייניק קאָמוניסטן אין דער וועלט.

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה בין איך געווען אין ר״פ און געזען אַ ריי שלעכטע זייטן, וועלכע האָבן מיך ממש פאַרווונדערט. דערביי זענען די שטימונגען צווישן די קאַלכאָזניקעס אין צפון־קאַווקאַז געווען שטאַרק אַנטי־סאָוויעטישע און פּראָהיטלעריסטישע. די פּויערים האָבן פּשוט געוואַרט אויף היטלערן ער זאָל פונאַנדערטיילן די ערד צווישן זיי. כ׳האָב אָבער געפּרוווט מיר דאָס אויסטייטשן: פאַראַן דאָ אַ סך געוועזענע „קולאַקעס״, די בעסטע קאָמוניסטן זענען אויפן פראָנט, דעריבער אַזאַ צושטאַנד.

כ׳האָב באַקומען אַ ידיעה, אַז מיין שוועסטער, אַ קאָמוניסטקע, איז אַרעסטירט געוואָרן אַלס „פיינט פון ר״פ״ און איז פאַרמשפּט אויף 10 יאָר תפיסה „אָן רעכט צו שרייבן בריוו״. כ׳האָב דאַן נאָך נישט געוווסט, אַז דאָס איז אַ קריפּטאָגים, וואָס באַדייט פאַרמשפּט צום טויט. קיין איין סעקונדע האָב איך נישט געגלייבט אין איר שולד, דאָך געפּרוווט זיך אויפקלערן, אַז ווען „מ׳האַקט ביימער פאַלן שפּענער״. ערשט נאָכן יאָר 1956 איז אָנגעקומען קיין פּוילן אַ רשימה פון דערמאָרדעטע קאָמוניסטן, און נאָכן טויט רעהאַביליטירטע, צווישן זיי — מיין שוועסטער חייקע.

אפילו די צופעליקע טרעפונג מיט מיין באַליבטן פעטער, וואָס איז געווען פאַרשיקט אין ר״פ, האָט נישט געענדערט מיין שטעלונג. ער איז געווען אַ באַגאַבטער מענטש, אַ גרויסער קינסטלער, פּראָפעסאָר פון דער קונסט־אַקאַדעמיע אין קיעוו. אין צאָלרייכע שמועסן האָט ער און זיינע פאַרשיקטע פריינד, געפּרוווט מיר אויפקלערן די פאַקטישע לאַגע אין ר״פ און די פּאָליטיק פון סטאַלינען. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, אַרויסגערופן ביי מיר געוויסע וואַקלענישן, אָבער אין אַלגעמיין האָב איך אָפּגעוואָרפן זייער אויפפאַסונג. כ׳האָב געטראַכט; מענטשן אָפּגעשטויסענע, דעריבער אַ סך סוביעקטיוויטעט אין זייער צוגאַנג.

ווען ס׳איז אַנטשטאַנען די פּוילישע רעגירונג אין יאָר 1944 האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט צו זיין אין צענטער פון די געשעענישן. דאַן האָט זיך געמערקט אַ שטרעבונג ביי פּוילישע קאָמוניסטן אויסצומיידן די פעלערן פון ר״פ, גיין אַ זעלבסטשטענדיקן וועג, אַ מער הומאַנעם, אַ דעמאָקראַטישן. איך געדענק, ווען ס׳איז אויפגעשוווּמען די פראַגע פון דער גרויסער אַגראַר־רעפאָרם, האָט ביערוט איינגעלאַדן צו זיך מיך און נאָך איינעם אַ מיטאַרבעטער פון פ.ק.וו.ב. [1] און אונדז דערקלערט: „מיר טרעטן צו דורכצופירן אַ גרויסע אַגראַר־רעפאָרם, אָבער מיר ווייסן נישט צי אונדזער פּראָיעקט אַנטשפּרעכט די פאָדערונגען פון די פּויערים״. דעריבער לייגט ער אונדז פאָר צו פאָרן אין דערפער, ספּעציעל אין אַזעלכע וווּ ס׳איז געווען אַ גרויסע פּויערים־באַוועגונג, אויסזוכן איינפלוסבאַרע פּויערים, וואָס זענען גלייכצייטיק אויך גוטע ווירטן און איינלאַדן זיי צו

אים. אַזאַ באַראַטונג איז פאַרגעקומען, ערשט שפּעטער האָט מען אָריינ־געטראָגן דעם פּראָיעקט אויף צו באַשטעטיקן אים.

אויך הילאַרי מינץ פלעגט אין ערשטן פּעריאָד פירן אין דער פלאַניר־קאָמיסיע אַן ענלעכע פּאָליטיק. יעדעס מאָל ווען ס׳איז אויסגעאַרבעט גע־וואָרן אַ פּראָיעקט פון אַ געזעץ אָדער פון אַ באַשלוס, וואָס איז געווען נוגע די אַרבעטער, פלעגט ער צונויפרופן אַ באַראַטונג פון איינפלוסרייכע פּאַרטייאישע און פּראָפעסיאָנעלע טוערס און זיך באַראַטן מיט זיי וועגן פּראָיעקט. אָפט פלעגט אַזאַ פּראָיעקט אַרויסרופן ספקות און אפילו אַ קעגנשטעלן זיך מצד אייניקע אָנוועזנדיקע. דאַן פלעגט ער פּאָרלייגן מ׳זאָל צופאָרן אויף פּאַרשידענע גרויסע אונטערנעמונגען און זיך באַ־ראַטן מיט די אַרבעטער. אַזעלכע קאָנפראָנטאַציעס פלעגן דאַן אַריינ־טראָגן ענדערונגען אין פּראָיעקט.

אויך אין דער יידן־פראַגע האָט זיך געמערקט אין ערשטן פּעריאָד אַ מער דעמאָקראַטישער צוגאַנג, וואָס האָט אגב אַרויסגערופן ספקות ביי אַ טייל יידישע קאָמוניסטן, וועלכע זענען געווען טעטיק אויף דער א״ג „יידישער גאַס״. איינער פון זיי, וואָס איז היינט שוין נישט צווישן די לעבעדיקע, האָט זיך געווענדט צו אַן איינפלוסרייכער פּערזענלעכקייט דאַן, מיט אַן אָנפראַגע, פאַרוואָס מיר לאָזן אַרויס פון פוילן אַזויפיל ציור־ניסטן. האָט אים דערויף מאַזור געענטפערט: אויב זיי וועלן בלייבן אין לאַנד, וועלן מיר זיי מוזן, פריער אָדער שפּעטער, איינזעצן אין תפיסה; זיי וועלן ווערן מאַרטירער און ס׳וועט זיך אָנהייבן אַ קאַמפּאַניע קעגן אונדז אין וועלט־מאַסשטאַב. אַזוי בלייבן מיר אָרנטלעכע מענטשן, זיי וועלן אונדז לויבן און אונדזער פּרעסטיזש וועט זיך הייבן.

אָבער שוין אין ערשטן פּעריאָד זענען געווען מאָמענטן, וועלכע האָבן אַרויסגערופן ספקות. איך מיין דאָ הויפּטזאַכלעך דעם רעפערענדום פון יאָר 1946, וועלכער איז געווען דער ערשטער פּאַרמעסט מיט מיקאָלאַי־טשיקס לאַגער און האָט אויפגעדעקט די שוואַכקייט פון דער דאַמאָלסדי־קער פּאָלקס־מאַכט. אַן אַבסאָלוטע מערהייט האָט געשטימט לויט מי־קאָלאַיטשיקס אָנווייזונגען. די רעזולטאַטן זענען געווען אַן איבעררראַשונג פאַר דער אָנפירערשאַפט. מען האָט די רעזולטאַטן פאַרעפנטלעכט ערשט אין צוויי טעג אַרום, בעת מ׳האָט פּשוט געפעלשט זייערע ציפערן. צו דער וואַל־קאַמפּאַניע צום סיים, אין יאַנואַר 1947, האָט מען זיך שוין גע־העריק צוגעגרייט. אַ ספּעציעלער שטאַב אין צענטראַל־קאָמיטעט האָט פון פאַרויס אויסגעאַרבעט די רעזולטאַטן פון די וואַלן, וועלכע זענען באַ־שטעטיקט געוואָרן דורך דער פּאָליט.־ביוראָ און מ׳האָט פון פאַרויס צו־געגרייט טאָפּלטע אורנעס מיט געהעריקע צעטלעך. דעם רעזולטאַט האָט מען געקאָנט תיכף פאַרעפנטלעכן און אַזוי אַרום אַריינפירן אין טעות די גאַנצע וועלט־עפנטלעכקייט. אין די לעצטע יאָרן האָט גאָמולקאַ אומדי־

רעקט באַשטעטיקט אָט דעם צושטאַנד, שרייבנדיק, אַז אין ערשטן פעריאָד איז די פּאַרטיי געווען אין דער מינדערהייט, און דאָך האָט זי באַקומען בעת די וואַלן אַ פּאָרמעלע מערהייט.

די מעטאָדן פון פעלשן אויף אַ ברוטאַלן אופן דעם ווילן פון די וויילערס האָט ביי אייניקע פון אונדז אַרויסגערופן ספקות און אין אַן ענגן קרייז אין צענטראַל־קאָמיטעט האָבן מיר וועגן דעם דעבאַטירט. די אויפקלערונג איז געווען: — אַלע מעטאָדן וואָס פירן צום ציל זענען כשר. די מאַכט וועלן מיר דאָך נישט אָפּגעבן. אויב מיר וועלן נישט פעלשן, וועט מוזן דערגיין צו אַ בירגער־קריג, צו אַ בלוט־באָד. די אַרגומענטאַציע האָט געווירקט, ווייל די הויפּט־לערע פון לעניניזם איז דאָך פאַרכאַפּונג פון דער מאַכט, וועלכע מ׳גיט שוין נישט צוריק.

דער א״ג דעמאָקראַטישער וועג האָט לאַנג נישט געדויערט. די סאָוויעטישע ראַטגעבער האָבן אָנגעהויבן פאַרפלייצן פוילן. פון יאָר צו יאָר האָבן זיי אַרומגענומען אַלץ מער געביטן פון עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד, נישט רעדנדיק וועגן מיליטער און מיליץ. דער אויסזען פון פוילן ווערט מיט יעדן יאָר וואָס מער ענלעך צום ר״פ, די פאָרמען און מעטאָדן פון רעגירן דערמאָנען שוין די מעטאָדן פון „גרויסן״ שכן.

*

אַן אויפטרייסלונג רופט אַרויס דער באַקאַנטער רעפעראַט פון כרושטשאָוון אויפן 20־סטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אין יאָר 1956. כ׳האָב עטלעכע מאָל געלייענט דעם רעפעראַט, אַלס לעקטאָר פון צ. ק. בין איך אַרומגעפאָרן מיטן רעפעראַט איבער פאַרשידענע שטעט. די ערשטע רעאַקציע איז געווען — שטוינונג. כרושטשאָוון האָב איך געגלייבט. ער איז געווען דער ערשטער סעקרעטאַר, דערצו האָב איך זיך מיט אים געטראָפן פריער, ווען ער איז נאָך געווען דער ערשטער סעקרעטאַר פון אוקראַינע און האָט דאַן אויף מיר געמאַכט אַ פּאָזיטיוון איינדרוק.

הייסט עס, אַז אַלץ וואָס מ׳האָט געשריבן פאַר, בעת און נאָך דער מלחמה איז געווען אמת, און בלויז מיר זענען פאַרבליבן די איינציקע גלויביקע און נאַיווע. געווען דאַן פּאַרטיי־טוער, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז כרושטשאָוו האָט נישט געדאַרפט האַלטן אַזאַ רעפעראַט, ד״ה, נישט געדאַרפט אויפדעקן דעם אמת. איך, דאַקעגן, צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע קאָמוניסטן, האָבן געהאַלטן, אַז דאָס איז געווען די גרעסטע דערגרייכונג פון כרושטשאָוון וואָס ער האָט אויפגעדעקט דעם אמת.

פון דעם פעריאָד אָן הייבט זיך אָן אַן איבערשאַצונג פון ווערטן, זוכעניש, פרווון צו פאַרשטיין פון וואַנען זענען אויסגעוואַקסן די אַלע שוידערלעכע פאַקטן, וועלכע זענען שווער צו באַגרייפן, ווייל זיי אַלע

זענען אַ פּאַרלוימדונג פונעם סאָציאַליזם. מ׳האָט אויסגעפונען אַ טעאָריע „קולט פון פערזענלעכקייט״, וועלכע מאַכט פאַראַנטוואָרטלעך סטאַלינען און זיינע נאָענטסטע מיטאַרבעטער און פּרווט ריינוואַשן דעם סיסטעם. מ׳הייבט עס אָן אָנצורופן: „אָפּווייכונגען״, „פאַרקריפּלונגען״, „אָפּנייגונגען פון לענינס נאָרמעס״ אד״גל, אָבער מיך, ווי טויזנטער אַנדערע קאָמוניסטן, האָט דאָס שוין נישט באַפרידיקט. פון וואַנען זענען אויסגעוואָקסן די „פאַרקריפּלונגען״, דער „קולט״? ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך געווען, אַז 30 יאָר זאָל הערשן אַ „קולט״ און דער סיסטעם זאָל בלייבן ריין? פיל פראַגן זענען אויפגעקומען און געפאָדערט אַ קלאָרע תשובה. כ׳האָב געזוכט טיפערע סיבות.

און די מאַטעריאַלן, וועלכע זענען שטופנווייז צו מיר דערגאַנגען האָבן נאָך מער אויפגעטרייסלט. אַרום 10 — 11 מיליאָן מענטשלעכע קרבנות אין פעריאָד פון דער קאָלעקטיוויזאַציע; בערך 12 מיליאָן דערמאָרדעטע אין די תפיסות און לאַגערן פון דעם גרויסן ראַטן־פאַרבאַנד; אַרום 600 טויזנט קאָמוניסטן פון דער גאַנצער וועלט אויסגעמאָרדעט דורך דער נ.ק.וו.ד., מער אַפילו ווי אין אינדאָנעזיע בעת די שווידערלעכע רדיפות, פאַרשקלאַפונג פון אַרבעטער־קלאַס, אונטערדריקונג פון אַנדערע, נישט־רוסישע נאַציעס, פאַרניכטונג פון גאַנצע פעלקער — אין קאַווקאַז, דייטשן פון דער וואָלגע, טאַטאַרן, די יידישע אינטעליגענץ. ס׳איז געוואָרן וואָס מער קלאָרער, אַז דאָס אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען אין ראַטן־פאַרבאַנד, באַשיינט מיטן נאָמען סאָציאַליזם און מיט דער הילף פון קאָמוניסטן פון דער גאַנצער וועלט, האָט געשאַפן אַ גרויסע רוסישע אימפּעריע, וועלכע האָט מיט סאָציאַליזם גאָרנישט צו טאָן.

ווי אַזוי איז דערצו דערגאַנגען?

איך האָב זיך אומגעקערט צו לענינען, צו די דיסקוסיעס מיט ראָזאַ לוקסעמבורג, מיט גראַמסי און מיט קאַוטסקי און ס׳איז אַלץ קלאָרער געוואָרן, אַז אין די פּרינציפּן און אין דער פּראַקטיק פון לענינס צייטן דאַרף מען זוכן אַן ענטפער אויף די אַלע פראַגן.

„דעמאָקראַטישער צענטראַליזם״ — איז איינער פון די הויפּט־זיילן פון דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכן אַלע קאָמוניסטישע פּאַרטייען האָבן איבערגענומען. פון דעם אָ פּרינציפּ איז אויסגעוואָקסן דער „פירער־סיסטעם״, דאָס נעגירן אַנדערע מיינונגען. דאָס וואָרט ״דעמאָקראַטיע״ איז נישט מער ווי אַ שיין, עס דעצידירט דער „צענטראַליזם״. דאָס גאַנצע פּאַרטייאישע לעבן איז אונטערגעוואָרפן אַ העכערער אינסטאַנץ און יעדע אינסטאַנץ — דעם סעקרעטאַר, אין לאַנד־מאַסשטאַב — דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי. אַלע אַנדערע מיינונגען ווערן אָנערקענט אַלס אַנטי־פּאַרטייאישע און ווערן שאַרף באַקעמפט. און דער פּרינציפּ שטאַמט דאָך פון לענינס צייטן און אויף אים האָט זיך סטאַלין פאָרגעשטעלט.

„פּראָפעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער" — דער באַגריף איז אַנטשטאַנען אין לענינס צייטן און איז געווען דער רוקן־ביין פון דער פּאַרטיי. פון אים איז אויסגעוואַקסן דער שפּעטערדיקער מעכטיקער פּאַרטיי־אַפּאַראַט, וועלכער איז אומאָפּהענגיק פון דער פּאַרטיי־מאַסע און דעצידירט אין אַלע פראַגן. דער אַפּאַראַט האָט באַקומען ספּעציעלע פולמאַכטן און ספּעציעלע פּריווילעגיעס.

„איין פּאַרטיי" און דאָס אָננעמען אַלע אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אַלס „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע" שטאַמט פון לענינען. דאָס האָט געפירט צו באַזייטיקן יעדע פאָרעם פון אָפּאָזיציע, אַנדערע, קעגנערישע מיינונגען. דער פאַקט וואָס אין די א"ג פאָלקס־דעמאָקראַטיעס זענען פאַראַן נישט־קאָמוניסטישע פּאַרטייען, איז נישט מער ווי אַ פיקציע, ווייל זיי אַלע ווערן אָנגעפירט דורך דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אויב ס'אַנטפּלעקט זיך אַ זעלבסטשטענדיקער טוער, ווערט ער פּשוט באַזייטיקט.

„די מאַכט פון אַרבעטער־קלאַס" — אַ פראַזע וואָס האָט קיין שום באַשטעטיקונג אין לעבן. ווען אַרבעטער שטעלן אַרויס פאָדערונגען אָדער דערקלערן אַ שטרייק, ווערט דאָס געזען ווי קאָנטררעוואָלוציע, אַריינגעפירטע פון אויסן, און ווערט שאַרף אונטערדריקט, ווי מיר האָבן דאָס געזען אין גדאַנסק, גדיניע און שטשעטשין אין דעצעמבער 1970. נאָר אונטערן דרוק פון גרויסע, איינהייטלעכע אַרויסטרעטונגען פון אַרבעטער־קלאַס איז די פּאַרטיי געצוווּנגען צו גיין אויף הנחות. אַזאַ פאַרשקלאַפונג פון אַרבעטער־קלאַס איז שווער צו טרעפן אין מאָדערנע מלוכות.

„ליקווידאַציע פון אַרבעטלאָזיקייט" — אַ פיקציע, וואָס דאַרף כלומרשט באַווייזן די איבערוואָג פון „סאָציאַליסטישן" סיסטעם איבערן קאַפּיטאַליסטישן. אין דער ווירקלעכקייט — אַ גרויסע אַרבעטלאָזיקייט אַלע יאָרן, וואָס געפינט זיך אין די פאַבריקן גופא, ווו 20 ביז 25 פּראָצענט זענען נישט־נויטיקע אַרבעטער, וואָס ווערן אויסגעהאַלטן דורך די איבעריקע אַרבעטער, און נישט דורך דער רעגירונג. דאָס איז איינע פון די גרעסטע פיקציעס, אויף וועלכע גאָמולקאַ האָט אין יאָר 1957 אָנגעוויזן, אָבער מער צו דעם זיך נישט אומגעקערט.

„סאָציאַליסטישער פאַרמעסט" — אַ מיטל אַרויסצובאַקומען אומזיסטע אַרבעט.

„פאַר גלייכע אַרבעט — גלייכער פאַרדינסט" — אַן אָפּנאַרעריי. פאַראַן אַ דורכגעטראַכטער סיסטעם, וועלכער באַהאַלט־אויס דעם פאַקטישן פאַרדינסט פון „אַפּאַראַט", פון די אָנפירנדיקע קאַדרען און פון די „בייטיקע" מענטשן. צו דעם צוועק דינען דער א"ג „קאָנווערטן־סיסטעם", דאָס אויסצאָלן אַ העלפט פון געהאַלט אין דער פאָרעם פון „פּרעמיעס", פון וועלכע מ'צאָלט נישט קיין שטייערן, ספּעציעל פאַרמאַכטע געשעפטן מיט אַ גרויסן אויסוואַל פון סחורות און נידעריקע פרייזן, ספּעציעלע

מעדיצינישע קליניקעס, אָפּרו־הייזער און סאַנאַטאָריעס, „פּוטיאָווקעס" אין אויסלענדישע סאַנאַטאָריעס פאַר אַ נישטיקן אָפּצאָל, אָדער — אומזיסט.

מיט יעדן יאָר איז געוואָרן אַלץ מער קלאָרער, אַז די פאַרמלוכהשונג פון דער ווירטשאַפט איז נאָכנישט סאָציאַליזם, דאָס איז בלויז איינער פון די וויכטיקע עלעמענטן. סאָציאַליזם פאָדערט עמאַנציפּאַציע פון אַרבעטער־קלאַס, זיין פאַקטישן אָנטייל אין דער אָנפירונג פון דער ווירטשאַפט; סאָציאַליזם מיינט פאַקטישע גלייכבאַרעכטיקונג פון פעלקער, מעגלעכקייט פון אַליין דעצידירן וועגן זיין אומאָפּהענגיקייט און נישט פאַרשקלאַפונג; סאָציאַליזם פאָדערט פרייהייט פון געדאַנק, פון מיינונגען, און טאָלעראַנץ.

איך האָב דעריבער גענומען נאָכאַמאָל אַנאַליזירן די תקופה פון פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה און דערזען די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון קאָמינטערן און די קאָמוניסטן פאַרן צולאָזן היטלערן צו דער מאַכט. די גרעסטע געפאַר פאַר די קאָמוניסטן איז געווען די ס"ד־פאַרטיי און ספּעציעל די לינקע עלעמענטן אין דער ס"ד און נישט די היטלער־פאַרטיי. פון דאַנען איז צו זען דעם ריבענטראָפּ־מאָלאָטאָוו אָפּמאַך, די צוזאַמענאַרבעט מיט היטלערן, דאָס אויסליפערן דער געסטאַפּאָ דייטשע קאָמוניסטן און יידן — פאַרברעכן אויף יעדן טריט און שריט. אַזוי אַרום איז קלאָרער געוואָרן די לאַגע פון פוילן, — אַ פיקטיווע אומאָפּהענגיקייט; אַ פאַקטיש אונטערגעוואָרפענע דעם דיקטאַט פון ראַטן־פאַרבאַנד.

כ'האָב אָנגעהויבן פאַרשטיין פאַרוואָס מ'האָט אויפגעלייזט די קאָמוניסטישע פאַרטיי פון פוילן, באַשמוצט די אָנפירערשאַפט און אויסגעמאָרדעט צענדליקער טויזנטער פוילישע און יידישע קאָמוניסטן, אַלס אַ צוגרייטונג צום אָפּמאַך מיט היטלער־דייטשלאַנד, דערשטיקן יעדע מעגלעכע אינערלעכע אָפּאָזיציע.

דערזען דאָס גרויסע פאַרברעכן פון ראַטן־פאַרבאַנד אין קאַטין; מ'האָט אויסגעמאָרדעט די קאַדרען פון דער פוילישער אַרמיי, בכדי צו באַהערשן די אַרמיי מיט דער הילף פון א"ג „פּאָפּן" [2] ווי מ'האָט אָנגערופן די רוסישע אָפיצירן אין דער פוילישער אַרמיי.

פאַרשטאַנען דעם שוידערלעכן פאַרראַט אין ווילנע אין 1944, ווען די אָנפירונג פון דער סאָוויעטישער אַרמיי האָט איינגעלאַדן אויף אַן אויפנאַמע אַלע א. ק.־אָפיצערן [3], אַלס דאַנקבאַרקייט פאַרן העלדישן אָנטייל־נעמען, צוזאַמען מיט דער סאָוויעטישער אַרמיי, אין באַפרייען ווילנע און — האָט זיי אַלע אַרעסטירט און פאַרשיקט קיין סיביר. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון אינערלעכן בירגער־קריג אין פוילן. דער גאַנצער בירגער־קריג איז פּראָוואָצירט געוואָרן דורך די סאָוויעטן, וועלכע האָבן געשטרעבט צו פאַרניכטן די נאַציאָנאַלע קאַדרען און באַהערשן פוילן.

אַ סך פראַגן זענען געוואָרן פאַרשטענדלעכער, קלאָרער און דער עיקר איז געוואָרן קלאָר, ווי נאַיוו מיר זענען אַלע יאָרן געווען.

געוואָרן גאָר קלאָר איז, אַז דער סיסטעם אין ראַטן־פאַרבאַנד און אין זײַנע פאַרבינדעטע לענדער, וועלכן איך רוף אָן „סאָוויעטיזם", האָט קיין שום געמיינזאַמס נישט מיט סאָציאַליזם, איז פּאַקטיש אַ פאַרלייקענונג און אַ פאַרלוימדונג פון סאָציאַליזם. דאָס אָנרופן דעם „סאָוויעטיזם" מיטן נאָמען „סאָציאַליזם" שטרעבט צו באַשמוצן דעם סאָציאַליזם, אָרונ־טערצורייסן די איינציקע שטרעבונג פון אַרבעטער־קלאַס זיך צו באַפרייען.

בכדי צו קעמפן פאַר אַן אמתן סאָציאַליזם מוז מען איבעררייסן מיטן „סאָוויעטיזם", אויפדעקן זיין אַנטי־סאָציאַליסטישן, זיין אַנטי־הומאַנישן, זיין אַנטי־אַרבעטער פּרצוף.

פאַראַן אין קאָמוניסטישן לאַגער אַרבעטער־טוער און גאַנצע פּאַרטייען, וועלכע פּרעדיקן אַ „דעמאָקראַטישן קאָמוניזם", אַ „קאָמוניזם מיט אַ מענטש־לעכן פּנים". זיי באַמיען זיך אַזוי אַרום אויפצוזאַמלען אַלע אַנטוישטע און קעגנער פון איצטיקן סיסטעם, שאַפנדיק דערביי אילוזיעס וועגן דער מעגלעכקייט איבערצובויען די קאָמוניסטישע באַוועגונג אין דער צוקונפט. אַזאַ שטרעבונג האָבן מיר געמערקט אין די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון איטאַליע און פראַנקרייך, אַזאַ שטרעבונג זעט זיך אַרויס בפירוש צווישן יידישע קאָמוניסטן אין פראַנקרייך, אין די פּאַר. שטאַטן, אין לאַ־טיין־אַמעריקע און אין ישראל.

אַזעלכע פּרוּוון זענען שוין געווען אין אונגאַרן אין 1956, אין פּוילן אין 1956—1957 און צום קלאָרסטן האָט זיך דאָס געוויזן אין דער טשעכאָ־סלאָוואַקיי אין 1968, אין דובטשיקס פּעריאָד. מיט וואָס די אַלע פּרוּוון האָבן זיך פאַרענדיקט, ווייסן מיר אַלע. און אַנדערש קאָן דאָס נישט זיין. איצט פּרעדיקט דער ראַטן־פאַרבאַנד שוין גאַנץ קלאָר, אַז זיין סיסטעם איז דער איינציק־מעגלעכער, ווייל ס'זענען כלומרשט פאַראַן „אָביעקטיווע געזעצמעסיקייטן", אויף וועלכע ס'שטיצט זיך די גאַנצע טעטיקייט פון ר"פ און יעדע אָפּווייכונג פון די „געזעצמעסיקייטן" איז אַ פאַרלוימדונג פון סאָציאַליזם.

צוריק אויפלעבן אַ רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטישע באַוועגונג קאָן מען נאָר דורך פולקומען איבעררייסן מיט דעם קאָמוניסטישן סיסטעם, מיט די קאָמוניסטישע מעטאָדן מיט דער קאָמוניסטישער פּאַקטישער אידעאָלאָ־גיע, וואָס איר פאַרקערפּערונג איז דער ראַטן־פאַרבאַנד. מען מוז ביזן סוף פאַרשטיין, אַז די גאַנצע קאָמוניסטישע באַוועגונג, אין דער פאַרגאַנגענ־הייט, אין דער געגנוואַרט און אין דער צוקונפט, איז אַ געצייג אין די הענט פון די סאָוויעטישע, פּאַקטיש: רוסישע הערשער צו שאַפן אַ מעכ־טיקע רוסישע אימפּעריע.

אויפבויען אַ „דעמאָקראַטישע קאָמוניסטישע באַוועגונג" איז אַ נייע אילוזיע, וואָס דאַרף שטערן און האַמעווען דעם איבערגאַנג פון אַרבעטער־קלאַס אויף באמת סאָציאַליסטישע וועגן.

דאָס פאַרופן זיך אויף קאָמוניסטן אין די לענדער וווּ זיי זענען נישט ביי דער מאַכט, אַז זיי פירן אַן אויסגעהאַלטענעם קלאַסן־קאַמף — איז אויך אַן אילוזיע. די זעלבע קאָמוניסטן, נאָכן קומען צו דער מאַכט ווען אָנווענדן די זעלבע מעטאָדן, די אויסגעפּרוּווטע אינעם ראַטן־פאַרבאַנד און אין אַנדערע א״ג סאָציאַליסטישע לענדער.

דעריבער קאָן מען נישט האָבן קיין צוטרוי צו זייערע פאַרזיכערונגען וועגן דעמאָקראַטיע, וועגן צולאָזן אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען צו דער מאַכט, וועגן פּאַטריאָטיזם אאַ״וו.

דאָס איבעררייסן אידעאָלאָגיש מיטן ראַטן־פאַרבאַנד, איבעררייסן מיט דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, מיט אַלע אירע שאַטירונגען, וועט דערמעגלעכן אויפצובויען אַ רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין יעדן לאַנד, אַ באַוועגונג וואָס וועט זיין פאַרבונדן מיטן אייגענעם פאָלק, מיט די אינטערעסן פון זיין לאַנד, מיט זיין אַרבעטער־קלאַס, און אַזאַ צושטאַנד וועט דערמעגלעכן איינצושטעלן אַ ברידערלעכע צוזאַמענאַרבעט מיט סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין אַנדערע לענדער, וועט ווערן דער אויסדרוק פון אַן אמתן נישט געפעלשטן אינטערנאַציאָנאַליזם.

אָט איז די ערשטע גרופּע סיבות, וועלכע האָבן גורם געווען, אַז אַנהייבנדיק פון 1956 — 1957 האָב איך שטופנווייז זיך דערווייטערט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ביז איך האָב אינגאַנצן איבערגעריסן מיט דער גאַנצער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

די יידן־פראַגע

געוויס האָט געהאַט אַן איינפלוס אויף איינוואָרצלען אין מיר יידישקייט, די שטוב אין וועלכער איך בין געבוירן געוואָרן און זיך אויפגעצויגן. אונדזער שטוב — אַ דורכשניטלעך יידישע, אַ האַנטווערקער־פאַמיליע. נישט קיין פרומע, אָבער האָט אָפּגעהיטן די יידישע מנהגים, טראַדיציעס און דערצויגן אין אַ מאָדערנעם יידישן גייסט. דער פאָטער פלעגט אפילו שבת גיין אין האַנטווערקער־שטיבל, אָבער פרום איז ער קיינמאָל נישט געווען. אַ פּאָר יאָר האָב איך געלערנט אין אַ חדר, אָבער שנעל איבערגעריסן, ווייל די עלטערן האָבן געטרוימט די קינדער זאָלן שטודירן און אַרויס אויף לייטן. אַ געוויסן איינפלוס אויף איינוואָרצלען די יידישקייט האָט געהאַט אויף מיר מיין זיידע, ר׳ איטשע שקאָלניק ז״ל, ביי וועלכן איך האָב פאַרבראַכט עטלעכע יאָר, נאָך דאַן, ווען מיינע עלטערן האָבן געוווינט אין זאַמאָשטש. דער זיידע, אַ ליטוואַק, אַ פרומער ייד, אָבער אַ קעגנער פון חסידיזם, פלעגט פרוּוון איינפלאַנצן אין מיר, זיין געליבטן אייניקל, יידישע מנהגים, יידישע טראַדיציעס, צוגעבונדנקייט צום יידישן פאָלק.

די אַלע מאָמענטן האָבן זיכער געווירקט, אַז איך, אַ שילער פון אַ פוילישער מלוכה־גימנאַזיע, זאָל אַריינטרעטן אין „השומר־הצעיר" אין כעלעם, צו וועלכן כ׳האָב געהערט אַ פּאָר יאָר. דאָס איז, אגב, געווען פאַרבאָטן פאַר שילער פון דער פוילישער גימנאַזיע, דעריבער האָט עס מיך נאָך מער געלאָקט. אינגיכן אָבער איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג אין „השומר־הצעיר", ס׳האָבן זיך אַנטפּלעקט קעגנזאַצן צווישן די שילער פון דער דורך יידן אויפגעשטעלטער פוילישער גימנאַזיע און צווישן אַ גרופּע יוגנטלעכע אַרבעטער, וועלכע האָבן געהערט צו אָט דער אָרגאַניזאַציע. צוזאַמען מיט די אַרבעטער האָבן צוויי שילער, איינער פון דער יידישער גימנאַזיע און איך פון דער מלוכהשער, פאַרלאָזט די אָרגאַניזאַציע.

קיין אויסקריסטאַליזירטע וועלט־אַנשויונג האָב איך דאַן נאָכנישט געהאַט. אָבער אַדאַנק דער גרופּע יונגע אַרבעטער, מיט וועלכע כ׳האָב צוזאַמען פאַרלאָזט דעם „השומר־הצעיר", האָב איך זיך פאַרבונדן מיט די פּראָפ. פאַראיינען און פלעג געבן לעקציעס יונגע אַרבעטער (פּויליש, אַריטמעטיק),

אָבער פּאָליטיש בין איך נישט געווען אַקטיוו. אין יענעם פּעריאָד האָט זיך אָרגאַניזירט אין כעלעם אַ זעלבסט־בילדונג־קרייז פון יידישע שילער פון דער מלוכהשער און יידישער גימנאַזיע, וואָס פלעגט סיסטעמאַטיש זיך צוזאַמענקומען, שטודירן אייניקע סאָציאַליסטישע ווערק, ספּעציעל דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" און גלייכצייטיק יידישע ליטעראַטור. מיט דער צייט האָט מען אין קרייז גענומען דיסקוטירן איבער פּאָליטישע פראַגן און שטופנווייז האָבן זיך אויסגעבילדעט געוויסע פראַנטן: אַ פּראָ־ציוניסטישע מיט שמואל אָרגאַן בראש און אַ פּראָ־מאַרקסיסטישער, צו וועלכן ס'האָבן געהערט שמואל מענדעלסאָן, יעקב עדעלשטיין און איך. דער קרייז האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרוואַנדלט אין אַ פּאַרטייאישן קרייז און האָט עקזיסטירט ביז מיר זענען דערגאַנגען צו מאַטורע. אָבער אייניקע פון אונדז האָבן זיך שטופנווייז פאַרבונדן מיט דער קאָמוניסטישער באַוועגונג (יעקב עדעלשטיין, שמואל מענדעלסאָן, האַנדעלסמאַן און איך).

אַ גרויסע ווירקונג אינעם אויסקריסטאַליזירן זיך פון מיין וועלט־אָנשויונג און אין מיין צוגאַנג צו דער יידן־פראַגע האָט געהאַט מיין ווילנער פּעריאָד, 4 יאָר פאַרבראַכט אין ווילנע ווי אַ סטודענט פון היסטאָרישן פּאַקולטעט פון ווילנער אוניווערסיטעט. אויפן ערשטן שטודיר יאָר האָב איך זיך באַפריינדעט מיט עמנואל רינגעלבלום, וועלכער האָט אָרגאַניזירט אַ קרייז צו שטודירן די יידישע געשיכטע ביי דער סטראַשון־ביבליאָטעק. דער קרייז איז באַשטאַנען פון אָנהענגער פון לינקע „פּועלי־ציון", איך בין געווען דער איינציקער קאָמוניסט אין דעם קרייז. אין דעם פּעריאָד האָב איך ערנסט שטודירט אַ ריי ווערק פון דער יידישער געשיכטע, וועלכע האָבן אגב משפיע געווען אויף אייניקע מיינע סעמינאַר־אַרבעטן אין אוניווערסיטעט. דער פּעריאָד האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט, שוין ביים סוף פון ערשטן שטודיר־יאָר בין איך געוואָרן אַקטיוו אין קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד און מיט דער צייט — אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג.

אין ווילנע האָט דאַן עקזיסטירט אַ סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד פון יידישע סטודענטן, א"ג „סאָצפאַרבאַנד", וועלכער האָט פאַראייניקט אַלע סאָציאַליסטישע ריכטונגען, פון „השומר־הצעיר" און „החלוץ", פּועלי־ציון" רעכטע און לינקע, ביזן „בונד" און קאָמוניסטן. דאָס איז דאַן געווען דער איינציקער פון דעם מין פאַרבאַנד אין פוילן. דער „פאַרבאַנד" האָט, פאַרשטענדלעך, זיך פאַרנומען מיט אַלגעמיינע סטודענטן־ענינים, אָבער אָפט פלעגן פאָרקומען ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס איבער פּאָליטישע פראַגן און איבער דער יידן־פראַגע. די לייזונג פון דער יידן־פראַגע האָט פאַרנומען אַ גאָר אָנגעזעען אָרט, ווייל דאָ האָט שוין געווירקט די אַלגעמיינע אַטמאָספער פון ווילנע אין די יאָרן 1926—1930.

ס'האָבן זיך אויסקריסטאַליזירט 3 הויפּט־ריכטונגען:

אַ פּראָ־ציוניסטישע מיט פאַרשידענע שאַטירונגען, אָבער אַלע זענען

געשטאַנען אויפן שטאַנדפונקט פון בויען אַ יידישע היים אין ארץ־ישראל;

אַ בונדישע, וועלכע האָט פאָרמולירט קולטור־אויטאָנאָמיע פאַר יידן אין פוילן, זעענדיק פוילן אַלס סטאַביל פאָטערלאַנד פאַר די פוילישע יידן;

אַ פּראָ־קאָמוניסטישע, וועלכע שטיצנדיק זיך אויף דער לייזונג פון דער יידן־פראַגע אין ראַטן־פאַרבאַנד, האָט זי געפּרעדיקט, אַז די סאָציאַ־ליסטישע רעוואָלוציע לייזט אַלע נאַציאָנאַלע קאָנפליקטן, דערמעגלעכט יעדער נאַציע איר פולע אַנטוויקלונג, שאַפט אָפּ יעדע פאָרעם פון נאַציאָ־נאַלער אונטערדריקונג, קעמפט קעגן אַנטיסעמיטיזם — צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע לייזט זי די יידן־פראַגע.

אין יענע יאָרן האָט די גרעסטע ווירקונג צווישן די יידישע סטודענטן געהאַט די קאָמוניסטישע קאָנצעפּציע. דאַן האָט געלעבט אין ווילנע משה קולבאַק, לערער פון יידישן לערער־סעמינאַר און באַרימטער יידישער דיכ־טער, און פיל אַנדערע יידישע שרייבער און קולטור־טוער, וועלכע זענען געווען באַאיינפלוסט פון דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור אין ראַטן־פאַרבאַנד. גענוג צו זאָגן, אַז אַ סך אָנפירנדיקע טוער פון אַנדערע ריכטונגען, ווי „קאָלקע״־פייגעלמאַן פון „צוקונפט״, צי דיאַמאַנט פון „השומר־הצעיר״, זענען איבערגעגאַנגען צו די קאָמוניסטן.

אין פאַרבאַנד זענען נישט געווען קיין אָנהענגער פון אַסימילאַציע. אַלע ריכטונגען האָבן געזוכט וועגן אויף צו לייזן די יידן־פראַגע. די ציוניסטישע האָט דאַן אויסגעזען ווי אַן אוטאָפּיע, דערביי האָט געווירקט די באַציִונג פון לעבינען און פון די באָלשעוויקעס צום „ציוניזם״; די בונדישע קאָנ־צעפּציע איז נישט געווען קיין פולע, זי האָט נישט באַרירט אַלע פּראָבלע־מען פון דער יידישער ווירקלעכקייט; די קאָמוניסטישע האָט דאַן אויס־געזען ווי די איינציקע רעאַלע.

די לאַנגע יאָרן פאַרבראַכטע אין די פוילישע תפיסות האָבן אין אַל־געמיין נישט געענדערט מיין איינשטעלונג אין דער יידן־פראַגע, הגם ס׳־זענען אַרויסגעטראָטן געוויסע אומפאַרשטענדלעכע דערשיינונגען. געשפּרעכן און דיסקוסיעס מיט אָנפירנדיקע קאָמוניסטישע טוערס האָבן אַנטפּלעקט אַ שטרעבונג צו אַ פרייוויליקער אַסימילאַציע אַלס די איינציקע לייזונג. נאָכן אַרויסגיין פון תפיסה אין 1936, געטראָפן אַן אַנדערע לאַגע. ס׳האָבן זיך שוין געמערקט צוויי פאַראַלעלע פּראָצעסן: פון איין זייט — דער איינהייטלעכער פראָנט פון אַרבעטער־קלאַס און וווּקס פון דער קאָמוניס־טישער ריכטונג; פון דער אַנדערער זייט — דער וווּקס פון ציוניסטישע איינפלוסן צווישן דער יוגנט, הויפּטזאַכלעך און טיילווייז אין יידישן אַר־בעטער־קלאַס גופא.

בעת דער מלחמה זענען דערגאַנגען קיין ר״פ ידיעות פון פוילן וועגן די שרעקלעכע יידן־רדיפות אונטער דער היטלער־אָקופּאַציע, וועגן מאָרדן מיליאָנען יידן, און דאַן — דער אָפּקלאַנג פון העלדישן געטאָ־אויפשטאַנד

אין וואַרשע. אין ראַטן־פאַרבאַנד מערקן זיך גלייכצייטיק אַנטי־יידן שטי־מונגען און אַפילו בפירוש אַנטיסעמיטישע. דאָך, דער קאַמף פון דער סאָוויעטשער אַרמיי קעגן היטלער־דייטשלאַנד, שוואַכט אָפּ די ווירקונג פון אָט די שטימונגען.

צוויי וויכטיקע דערשיינונגען האָבן זיך אַנטפּלעקט נאָך דער מלחמה: דאָס אַנטשטיין פון מדינת־ישראל, וועלכע האָט באַקומען די פולע אונ־טערשטיצונג פון קאָמוניסטישן לאַגער, בראש פון ראַטן־פאַרבאַנד און פוילן, און האָט דערוויזן די רעאַלקייט פון ציוניסטישן געדאַנק; דאָס אַנטשטיין פון פאָלקס־פוילן, טראָץ בפירושדיקע אַנטיסעמיטישע שטימונ־גען צווישן דער פוילישער באַפעלקערונג, האָט אויפסניי אַוועקגעשטעלט דאָס לייזן די יידן־פראַגע אין פוילן גופא. טויזנטער יידישע קאָמוניסטן זענען צוגעטראָטן צו אַקטיווער טעטיקייט ביים אויפבויען די פוילישע מלוכה. ספּעציעל די ערשטע יאָרן האָבן דערמעגלעכט צו שאַפן אילוזיעס וועגן דער רעאַלקייט פון לייזן די יידן־פראַגע אין פוילן.

מיט דער צייט מערן זיך סיגנאַלן וועלכע רופן אַרויס באַאומרויקונג:

— דער קיעלצער פּאָגראָם, פּאָגראָם אין קראָקע און טשענסטאָכאָוו. אמת, דאַן האָבן מיר די גאַנצע שולד אַרויפגעלייגט אויף מיקאָלאַיטשיקס לאַגער, אויף די א״ג אַנטי־דעמאָקראַטישע עלעמענטן. ערשט אין יאָרן אַרום האָב איך געפונען אין פּאַרטיי־אַרכיוו מאַטעריאַלן, וועלכע זאָגן עדות וועגן גרויסע סימפּאַטיעס מצד אַנפירנדיקע פּאַרטיי־טוערס צו די פּאָגראָמשטשיקעס און וואָס וואַרפן אַרויף די שולד פאַר די פּאָגראָמען אויף די יידן גופא.

— אַנטי־יידישע רייניקונגען אין מלוכהשן און פּאַרטייאישן אַפּאַראַט.

— אָנהייבנדיק פון די יאָרן 1948—1949 האָט מען סיסטעמאַטיש באַזייטיקט יידן פון אָנפירנדיקע פּאָזיציעס אין מיליטער, אין דער מיליץ און דערנאָך פון פּאַרטיי־אַפּאַראַט. שפּעטער זענען געקומען „רייניקונגען" אויף אַנדערע געביטן.

— וווּקס פון נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען אין פוילן. — דאָס אַוועק־שטעלן די פראַגע פון נאַציאָנאַלע קאַדרען.

— פעלשונגען פון יידישע נעמען און פון דאָקומענטן. — אַ ספּעצ־יעלע אָפּטיילונג ביי דער צענטראַלער אָנפירונג פון דער מיליץ, האָט, לויט די אָנווייזונגען פון צענטראַל־קאָמיטעט, געשאַפן פאַלשע דאָקומענטן פאַר יידישע טוערס.

— די אַנטיסעמיטישע קאַמפּאַניע אין די יאָרן 1956—1957, וועלכע האָט טאַקע נאָך נישט געהאַט די פאָרמעלע אונטערשטיצונג פון דער פּאַרטיי־אָנפירערשאַפט און פון דער רעגירונג, דאָך איז זי פאַקטיש געוואָרן אָנגעפירט דורך אַ ריי וואָיעוואָדישע פּאַרט־קאָמיטעטן און פון אַ ריי צענטראַלע פּאַרטיי־טוער. די טאָנגעבער זענען געווען די א״ג „נאַטאָלי־

נער״־פּראַקציע אין דער פּאַרטיי, ביי אַ שטילער צושטימונג פון דער גאָמולקאַ־גרופּע.

— ידיעות און אָפּקלאַנגען פון אַנטי־יידישע קאַמפּאַניעס אין ראַטן־פאַרבאַנד, ווי די קאַמפּאַניע קעגן „קאָסמאָפּאָליטן״, קעגן א״ג „פרעמדע״ עלעמענטן, אַרעסטן צווישן יידישע שרייבערס און קולטור־טוערס, דאָס שליסן די יידישע שולן, טעאַטערס און אַנדערע קולטור־אינסטיטוציעס און צום סוף דאָס דערמאָרדן די שרייבערס און דער דאָקטוירים־פּראָצעס.

— די לעצטע אַנטיסעמיטישע וואַקכאַנאַליע אין פּוילן, נאָך דער זעקס־טאָגיקער, זיגרייכער מלחמה פון ישראל, וועלכע איז געווען אָפיציעל געפירט דורך דער פּאַרטיי־אָנפירערשאַפט און דורך דער רעגירונג און האָט איבער־געשטייגט אַלץ וואָס איז געווען באַקאַנט אַפילו אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן.

די אַלע פּראָבלעמען האָבן אויפסניי אַוועקגעשטעלט די יידן־פראַגע אין דער גאַנצער ברייט און פאַרנעם און געפאָדערט צו נעמען צו זיי אַ קלאָרע שטעלונג. אַ נייער עלעמענט איז געווען די אַנטוויקלונג פון מדינת ישראל, פון וואַנען ס׳זענען דערגאַנגען פּאָזיטיווע אָפּקלאַנגען קיין פּוילן. ס׳איז גע־וואָרן אַלץ קלאָרער, אַז די אַלע קאַמפּאַניעס זענען נישט קיין צופעליקע, נאָר זענען געווען צוגעגרייט געוואָרן און ווערן אָנגעפירט דורך דער סאָוויעטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

שפּעטער זענען דערגאַנגען קאָנקרעטע ידיעות וועגן אַ באַראַטונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין קרעמל נאָך אין יאָר 1948 מיט דער באַטייליקונג פון אַלע גענעראַל־סעקרעטאַרן פון די א״ג סאָציאַליסטישע לענדער אין דער אָנוועזנהייט פון סטאַלינען, געווידמעט דער יידן־פראַגע. דעם הויפּט־רעפעראַט האָט געהאַלטן מאַלענקאָוו. אין זיין רעפעראַט זאָל ער האָבן אַרויסגערוקט פאָלגנדיקע געדאַנקען: בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה זע־נען יידן געווען נאַטירלעכע פאַרבינדעטע פון ראַטן־פאַרבאַנד צוליב דער אויסראָטונג־פּאָליטיק פון היטלערן, אָבער איצט, ווען אונדזער הויפּט־שונא זענען די פאַראייניקטע שטאַטן, ווערן יידן פּאָטענציעלע פאַרבינדעטע פון אַמעריקע. דעריבער איז איצט דער הויפּט־ציל: באַזייטיקונג פון יידן פון אַלע פאַראַנטוואָרטלעכע און אָנפירנדיקע פּאָזיציעס; פאַרשטאַרקונג פון דער אָבסערוואַציע און איוויגעלאַציע פון יידן; קאַמף קעגן יידישן נאַציאָ־ליזם.

דאַן זענען געקומען אַ ריי פּראָצעסן: אין אונגאַרן — קעגן ריייקן, אין דער טשעכאָסלאָוואַקיע — קעגן סלאַנסקין, אין פּוילן האָט מען צוגעגרייט אַ פּראָצעס קעגן יעקב בערמאַנען, און אויב ס׳איז דערצו נישט דערגאַנגען, איז עס אַדאַנק ביערוטן, וואָס האָט צוליב געוויסע סיבות נישט געוואָלט דערלאָזן דערצו. און אין ראַטן־פאַרבאַנד — דער שוין דערמאָנטער דאָקטוירים־פּראָ־צעס.

ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן מאַסן־רייניקונגען אין די פּאַרטיי־אַפּאַראַטן, פאַר־

בונדן מיט מאַסן־אַרעסטן. אין דעם אָ פּעריאָד זענען דערגאַנגען קאָנקרעטע ידיעות וועגן אויסמאָרדן די באַקאַנטע יידישע שרייבערס און קולטור־טוערס אין ר״פ.

פאַר אַלע שוועריקייטן וואָס זענען אַרויסגעטרעטן אין דער פאָלקס־ווירטשאַפט, פאַר אַלע מיסדערפאָלגן, האָט מען געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך די יידן.

דער לעצטער אַקאָרד פאַר סטאַלינס טויט איז געווען דאָס צוגרייטן פאַר אַלע יידן קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין ראַטן־פאַרבאַנד, אויך אין פוילן, — אין ביאַליסטאָקער קרייז. סטאַלינס טויט האָט אָפּגעראַטעוועט די יידן פון פאַרשיקונגען און נייע פאַרפאָלגונגען.

שוין דאַן, ווען די ידיעות זענען צו אונדז דערגאַנגען, נאָכן 20־סטן פאַרטיי־צוזאַמענפאָר איז געווען קלאָר, אַז דער סאָוויעטישער וועג פון לייזן די יידן־פראַגע האָט פולקום באַנקראָטירט. אין דעם פּעריאָד פון איבער־שאַצונג פון ווערטן, האָט מען גענומען זוכן סיבות פון אַזאַ אַנטוויקלונג, און ווידער זיך אומגעקערט צו לעניגען.

*

איך האָב נאָכאַמאָל דורכגעבלעטערט לעניגס ווערק וועגן דער יידן־פראַגע, אויפמערקזאַם געלייענט אַלע זיינע אַרויסזאָגונגען וועגן אָט דער פראַגע. מען קאָן אויסטיילן דריי הויפט־מאָטיוון ביי לעניגען וועגן דער יידן־פראַגע:

1. יידן זענען נישט קיין נאַציע, דער איינציקער וועג צו לייזן די יידן־פראַגע איז אַסימילאַציע. לעניג פאַררופט זיך דערביי אויף ק. קאַוטסקי און א. באַוער, מיט וועלכע ער איז מסכים. ער שרייבט: „אין דער ציוויליזירטער וועלט זענען יידן נישט קיין נאַציע, זיי האָבן זיך אַלץ מער אַסימילירט, — זאָגן ק. קאַוטסקי און א. באַוער. די יידן אין גאַליציע און אין רוסלאַנד (פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע) זענען ניט קיין נאַציע, לײדער (נישט צוליב זייער שולד, נאָר צוליב דער שולד פון די פּוראָשקעוויטשעס) זענען זיי דאָ נאָר אַ קאַסטע".[4] דער פאַקט וואָס אויפן פערטן פאַרטיי־צוזאַמענפאָר פון „בונד" איז אָנגענומען געוואָרן אַ דעקלאַראַציע וועגן עקזיסטענץ פון אַ יידישער נאַציע, האַלט לעניג פאַר נאַציאָנאַליזם.[5] די אידייע פון אַ יידישער נאַציע — זאָגט לעניג — איז אַ „ציוניסטישע אידייע, אינגאַנצן אַ פאַלשע און אין תוכן אַ רעאַקציאָנערע".[6] לעניג באַגרינדעט זיין צוגאַנג צו דער יידן־פראַגע, שרייבנדיק: „עס פאַרבלייבט די אַל־וועלטלעך־היסטאָרישע טענדנעץ פון קאַפּיטאַליזם צו ברעכן די נאַ־ציאָנאַלע אָפּגעזונדערטקייטן צו פאַרווישן די נאַציאָנאַלע אונטערשיידן,

צו אַסימילירן די פעלקער, די טענדענץ פאַרבלייבט איינע פון די גרעסטע טרייב־קראַפטן אויף צו פאַרוואַנדלען דעם קאַפּיטאַליזם אין סאָציאַליזם". [7] דעריבער — האַלט לענין — „קעגן אַסימילאַטאָרישקייט' קענען שרייען נאָר יידישע רעאַקציאָנערע בירגער, וואָס ווינטשן זיך צוריק־צודרייען דאָס ראָד פון דער געשיכטע". [8]

2. די אַסימילאַציע דאַרף זיין — לויט לענינען — אַ פרייוויליקע, נישט קיין אָנגעוואָרפענע, דעריבער טרעט ער אַרויס קעגן פּריווילעגיע פאַר באַזונדערע נאַציעס.

3. לענין טרעט שאַרף אַרויס קעגן אַנטיסעמיטיזם, טאַדלט יעדע פאָרם פון דיסקרימינאַציע און אונטערדריקונג. מיט דעם אונטערשיידט ער זיך גאַנץ געננוי פון סטאַלינען און זיינע נאָכפאָלגער.

די אַנטוויקלונג פון דער יידן־פראַגע אין ראַטן־פאַרבאַנד גופא און אין וועלט־מאַסשטאַב האָט בולט באַוויזן דעם פולקומען באַנקראָט פון לענינס לערע, אַז „יידן זענען נישט קיין נאַציע" און אַז דער איינציקער וועגן צו ליזן די פראַגע איז „אַסימילאַציע". די אַנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור אין ראַטן־פאַרבאַנד, אין ערשטן פעריאָד, דרינגט אַרויס פון לענינס טעאָריע וועגן גלייכבאַרעכטיקונג, האָט אָבער געזאָלט זיין אַן איבערגאַנג־פעריאָד, וואָס וועט דערפירן צו פרייוויליקער אַסימילאַציע. אין דערווירקלעכקייט האָט דער פּראָצעס פאַרטיפט די נאַציאָנאַלע געפילן ביי דער יידישער באַפעלקערונג און געפאָדערט ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען. דאַן איז געקומען, אין קאַלינינס צייטן, דער געדאַנק פון „ביראָ־בידזשאַן"; קאָנצענטרירן די יידישע באַפעלקערונג אויף אַ באַשטימטער טעריטאָריע, אַלס אַן אַנטידאָטום צו ציוניזם. אין דער פּראַקטיק אָבער האָט „ביראָבידזשאַן" רעהאַביליטירט דעם ציוניזם אין די אויגן פון הונדערטער טויזנטער יידן אין ר"פ. ער האָט באַשטעטיקט די נויטווענדיקייט פון קאָנצענטרירן די יידן אין איין לאַנד, ווי עס האָט שוין לאַנג דאָס דערקלערט דער ציוניזם. און ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז נעענטער איז יעדן יידן ארץ־ישראל ווי אַן אויסגעטראַכט „ביראָבידזשאַן". די נייע טענדענץ איז געווען אין סתירה מיט לענינס לערע און האָט זיך געמוזט ענדיקן מיט אַ פיאַסקאָ.

אין פּראָצעס פון איבערשיכטן אַלע פּראָבלעמען נאָכן 20־סטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, האָט מען דערזען די יידן־פראַגע אין אַ נייע ליכט.

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט נישט געלייזט די יידן־פראַגע. דער אַנטיסעמיטיזם איז מיט דער צייט געוואָרן אין ראַטן־פאַרבאַנד אַ געצייג אין די הענט פון די הערשנדיקע קרייזן.

„קולטורעלע אויטאָנאָמיע", — ווי דאָס האָט באַוויזן דער עקספּערימענט אין פוילן — איז אַן אילוזיע, לייזט נישט קיין שום פּראָבלעם. ווערט בלויז

אויסגענוצט אַלס אַ שילד פאַר אויסלאַנד, פאַר נאַיווער פּראָפּאַגאַנדע צווישן יידן אין לאַטיין־אַמעריקע, אין פראַנקרייך און אין אַנדערע לענדער.

דאָס אַנטשטיין פון מדינת־ישראל איז אַ רעאַלער פאַקטאָר — די איינציקע לייזונג פון דער יידן־פראַגע, סיי קעגן אַנטיסעמיטיזם און פּאָ־גראָמען, סיי קעגן אַסימילאַציע־טענדענצן.

די איינצקע פראַגע וואָס עגבערט די מוחות פון פיל געוועזענע קאָמו־ניסטן איז די באַציונג צום ציוניזם, צוליב דעם וואָס לענין און די קאָמוניסטן האָבן פון שטענדיק אָנגעפירט אַ שאַרפן קאַמף קעגן ציוניזם. און דאָס איז אגב פאַרשטענדלעך. ווער עס זאָגט, אַז יידן בילדן נישט קיין זעלבסט־שטענדיקע נאַציע, ווער ס'איז פאַר אַסימילאַציע, אַפילו אַ פרייוויליקער, מוז זיין קעגן ציוניזם. דאָס לעבן האָט אָבער איבערגעשטראָכן די פעסט־שטעלונגען פון לענינען, דאָס יידישע פאָלק איז אַ רעאַלער פאַקטאָר מיט אַ לאַנג־דורותדיקער טראַדיציע. פאַר פולער אויפלעבונג און אויפוואַכונג איז נויטיק די קאָנצענטראַציע אויף אַ געוויסער טעריטאָריע, ווי דאָס האָט פעסטגעשטעלט דער ראַטן־פאַרבאַנד אַליין, דורכן שאַפן „ביראָבידשאַן״, — קעגן לענינס קאָנצעפּציעס. אַסימילאַציע איז שטענדיק געווען אַ רע־אַקציאָנערע טענדענץ, האָט נישט געהאַט קיין אָנהענגער צווישן די ברייטע פאָלקס־מאַסן אין פאַרמלחמהדיקן פוילן. די אַסימילאַציע האָט אגב נישט אָפּגעהיטן פון אומקום, ווי דאָס האָט בולט באַוויזן דער גורל פון די דייטשישע יידן און פון אַנדערע מערב-לענדער, אויף וועלכע לענין האָט זיך פאַרופן.

דאָס איינציקע לאַנד פאַר דער קאָנצענטראַציע פון יידישן פאָלק, סיי פון היסטאָרישן, סיי פון מאָראַלישן און סיי פון רעאַלן שטאַנדפּונקט איז — ארץ־ישראל, דאָס האָט באַשטעטיקט די אונ״אָ און ר״פ אַליין, וועלכער האָט ביי געטראָגן אַ סך צום אַנטשטיין פון מדינת ישראל. לענינס קאָנ־צעפּציע פון לייזן די יידן־פראַגע האָט זיך נישט באַשטעטיקט, דאַקעגן האָט דאָס לעבן פולקום באַשטעטיקט די ציוניסטישע שטרעבונגען.

וואָס איז אַלזאָ ציוניזם ? אַ נאַציאָנאַלע באַפרייונג־באַוועגונג פון יידי־שן פאָלק. אַ ספּעציפיש נאַציאָנאַלע באַפרייונג־באַוועגונג. זי אונטערשיידט זיך פון אַנדערע, פונקט אַזוי ווי דאָס יידישע פאָלק, דורך זיינע ספּעצי־פישע באַדינגונגען, אונטערשיידט זיך פון אַנדערע פעלקער. דאָס דרינגט אַרויס פון אַנאַליז פון דער יידישערווירקלעכקייט, באַשטעטיקט דורכן לעבן.

קאַמף קעגן ציוניזם באַדייט דעריבער: קאַמף קעגן אַ יידישער נאַ־ציאָנאַלער באַפרייונג־באַוועגונג, דאָס הייסט דיסקרימינאַציע קעגן יידן אַלס אַ פאָלק, שטעלן דאָס יידישע פאָלק אין אַנדערע, אין ערגערע באַדינגונגען ווי די אַנדערע פעלקער. דאָס איז פאַרשטעלטער אַנטיסעמיטיזם.

איך נעם אָן ציוניזם ווי אַ יידישע נאַציאָנאַלע באַפרייונג־באַוועגונג און ווי יעדע נאַציאָנאַלע באַפרייונג־באַוועגונג פאַרמאָגט זי אויך פאַרשיידענע שאַטירונגען, פון עקסטרעם־רעכטע ביז עקסטרעם־לינקע, בורזשואַזע און פראָלעטאַרישע.

ווער עס זאָגט, אַז ער איז פאַר ישראל נאָר קעגן ציוניזם, פאַרלייקנט זיך אַליין. דער פאַרשטייט נישט, אָדער וויל נישט פאַרשטיין, אַז ישראל איז אַנטשטאַנען און אויסגעוואַקסן אויפן פאָן פון אַ נאַציאָנאַלער באַפרייונג־באַוועגונג פונעם יידישן פאָלק, וואָס איר טרעגער און נאָמען איז צ י ו נ י ז ם .

פאַרוואָס אין מפ״ם?

פון די ביז־איצטיקע שילדערונגען איז — גלייב איך — קלאָר, אַז דער מחבר פון די שורות איז געבליבן אַן אָנהענגער פון סאָציאַליזם, אַלס די איינציקע לייזונג פון דער אַרבעטער־פראַגע, דורך באַזייטיקן יעדע פאָרם פון עקספּלואַטירן אַ מענטש דורך אַ מענטש. ער שטרעבט צו פאַרבינדן צוויי פּאַראַלעלע פּראָצעסן: די נאַציאָנאַלע באַפרייונג־באַוועגונג פון יידישן פאָלק, וואָס דריקט זיך אויס אין דער ציוניסטישער אידייע און אין אַנט־שטיין פון מדינת ישראל, מיטן קאַמף פאַרן סאָציאַליזם אין לאַנד.

די פאַרקערפּערונג פון אָט דער אידייע זע איך אין דער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי „מפ״ם", וואָס דרינגט אַרויס הן פון איר לאַנג־יאָריקער טראַדיציע, והן פון דער טאָג־טעגלעכער דערפאַרונג, וועלכע כ׳האָב אָב־סערווירט אין משך פון די עטלעכע יאָר, וואָס כ׳געפין זיך אין לאַנד.

די פאַראייניקטע אַרבעטער־פּאַרטיי „מפ״ם" איז אויסגעוואַקסן היסטאָ־ריש הויפּטזאַכלעך פון צוויי זעלבסטשטענדיקע סאָציאַליסטישע באַוועגו־גען: פון „השומר הצעיר" און פון די לינקע „פועלי ציון".

די השומר־הצעיר־יוגנט ווי מיר האָבן זי געקענט אין פוילן, האָט פאַרמאָגט אַ באַזונדערן צויבער. זי האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף טויזנטער יוגנטלעכע, דער עיקר פון דער שטודירנדיקער יוגנט, און האָט נישט ווייניק פון זיי אָפּגעראַטעוועט פון אַסימילאַציע.

דאָ אין ישראל, האָט זיך דער השומר הצעיר אויסגעצייכנט נישט בלויז מיט איר ראַדיקאַלן צוגאַנג צו אַ ריי פּראָבלעמען פון לאַנד און פאָלק, נאָר אויך מיט איר שעפערישער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט ביים אַנטוויקלען דאָס לאַנד. וועגן דעם זאָגן עדות איר אַקטיווע באַטייליקונג ביים אויפשטעלן די הסתדרות און ביי אַלע אינסטיטוציעס, וועלכע די ישראלדיקע אַרבעטערשאַפט האָט אויפגעבויט. איר קרוין און שטאָלץ באַ־שטייען אינעם אויפבויען 74 קבוצים אין אַלע טיילן פון לאַנד, דער עיקר: דאָס באַזעצן זיך און באַלעבן גרויסע טיילן פון מידבר און סטעפּ.

„השומר הצעיר", געהערט צו די אויפבויער פון דעם נייעם יידישן יישוב אין לאַנד, און האָט אַריינגעשריבן אַ רומפול קאַפּיטל אין קאַמף פאַר דער אַנטשטייונג און דער פאַרפעסטיקונג פון מדינת ישראל. אַלס פּאָלי־

שע ריכטונג האָט „השומר הצעיר" באַזירט אויף ענלעכע טענדענצן ווי די לינקע „פועלי־ציון", און דאָס האָט דערמעגלעכט די פאַראייניקונג און דאָס שאַפן אַ געמיינזאַמע פאַראייניקטע אַרבעטער־פּאַרטיי — „מפ"ם".

די לינקע „פועלי־ציון" איז אַלע יאָרן געווען אַן אויפריכטיקע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן האָט זי שטענדיק געשטיצט רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען פון אַרבעטער־קלאַס, האָט איינגעפלאַנצט אין די יידישע אַרבעטער־מאַסן דאָס געפיל פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט און קאָנסעקווענט געשטרעבט צו איינהייט פון דער יידישער פּראָפעסיאָנעלער קלאַסן־באַוועגונג.

לינקע „פועלי־ציון" האָט זיך אונטערשיידט פון אַנדערע פּאַרטייען אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס, הויפּטזאַכלעך אין פיר פונקטן:

1) זי האָט אָנערקענט די עקזיסטענץ פון דער יידישער נאַציע אין וועלט־מאַסשטאַב, דאָס פּוילישע יידנטום האָט זי אויפגעפאַסט ווי אַ טייל פון גאַנצן יידישן פאָלק.

2) זי האָט קאָנסעקווענט פּראָפּאַגירט די אייגנאַרטיקייט פון יידישן אַרבעטער־קלאַס, וואָס דרינגט אַרויס פון די ספּעציפישע באַדינגונגען פון אַרבעט אין גלות, אין הסכם מיט דער לערע פון בער באָראָכאָוו. דעם אויסוועג האָט זי געזען אין אַ פּערמאַנענטער עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל, וווּ ס'וועלן געשאַפן ווערן נאָרמאַלע אַרבעט־באַדינגונגען פאַר די יידישע אַרבעטער.

3) זי האָט פּראָפּאַגירט און פאַרטיידיקט דעם ציוניזם אַלס אַן אידעאָלאָגיע פון אַ יידישער נאַציאָנאַלער באַפרייונג־באַוועגונג, געשטרעבט צו שאַפן אַ יידישע קאָנצענטראַציע אין ארץ־ישראל און אַ יידישע מדינה. זי האָט אָבער קיינמאָל נישט שלום געמאַכט מיט די רעכטע ציוניסטישע פּאַרטייען, וועלכע האָבן אויסגעדריקט די שטרעבונגען און די אינטערעסן פון יידישן בירגערטום. לינקע „פועלי־ציון" איז שטענדיק געווען דער לינקער פּראָלעטאַרישער פליגל פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

4) אַלע יאָרן איז זי געווען דורכגעדרונגען מיט דעמאָקראַטישע שטרעבונגען אויף אַלע געביטן פון איר טעטיקייט.

די פאַרבינדונג פון סאָציאַליזם מיטן ציוניזם איז געווען דער רוקן־ביין פון דער פּאַרטיי לינקע „פועלי־ציון".

די מפ"ם־באַוועגונג האָט דורכגעלעבט אינערלעכע קריזיסן, הויפּטזאַכלעך צוליב דער פאַרבלענדעניש אויפן פונקט פון סאָוויעטישן „סאָציאַליזם". דער דורכגעמאַכטער פּראָצעס און די אויסלייטערונג דערנענטערט צו דער פּאַרטיי די געוועזענע יידישע קאָמוניסטן, וואָס האָבן זיך ענדלעך באַפרייט פון דעם סאָוויעטישן „סאָציאַליסטישן" קאָשמאַר.

די מפ"ם־באַוועגונג אין לאַנד קאָן ווערן — אין פאַרבינדונג מיט אַנדערע אויפריכטיקע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען — די ממשותדיקע טרייב־קראַפט אין פאַרוואַנדלען ישראל אין אַ יושרדיקער, דעמאָקראַטישער, סאָציאַליסטישער מדינה.

* * *

לאָמיר קורץ אַנאַליזירן די הויפּט־טענדענץ פון דער ישראלדיקער געזעלשאַפט, ווי דער מחבר פון די אָ שורות זעט זיי.

דעם באַזיס פאַרן יידישן קבוץ אין לאַנד האָבן געשאַפן מענטשן, דורכגעדרונגען מיטן סאָציאַליסטישן געדאַנק: השומר־הצעיר, חלוצים, — מענטשן, וואָס האָבן געשטרעבט צו בויען אַ סאָציאַליסטיש ישראל, געשטיצט אויף סאָציאַלן יושר, אויף פיזישער און גייסטיקער אַרבעט. קבוצניקעס, מיטגלידער פון פאַרשידענע קאָאָפּעראַטיוון, אַרבעטער, אָנגעשטעלטע, אינטעליגענץ — מיטגלידער פון הסתדרות, זיי אַלע האָבן געשאַפן דעם יסוד אויף וועלכן ס׳האָט זיך געשטיצט דער יונגער ישוב אין ארץ ישראל, אויף זייערע פּלייצעס און ביינער איז אַנטשטאַנען די מדינה ישראל.

פאַראַן אַ ריי פאַקטאָרן אין לאַנד, וועלכע דערמעגלעכן אַ זיגרייכן קאַמף פאַר אַ מאָדערנער דעמאָקראַטישער און סאָציאַליסטישער מלוכה. כמעט 90% פון באָדן אין ישראל — פאַרגעזעלשאַפטלעכט; כמעט 50% פון דער גאַנצער אינדוסטריע אין די הענט פון דער מלוכה, פון דער הסתדרות און קבוצים; די אַגראַר־פּראָדוקציע געבויט אין אַבסאָלוטער מערהייט אויף קאָלעקטיווע, געזעלשאַפטלעכע יסודות; אַ גרויסער פּראָצענט פון האַנדל איז באַזירט אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות; אַפילו די הויפּט־בענק אין לאַנד באַזירן זיך פאָרמעל אויף אַ געזעלשאַפטלעכן באַזיס. די אַלע פאַקטאָרן בילדן אַ וויכטיקןביישטייער אין קאַמף פאַר אַ סאָציאַליסטיש ישראל, דורכגעדרונגען מיט דעמאָקראַטישע פרייהייטן אויף אַלע געביטן.

גלייכצייטיק איז אויסגעוואַקסן אין לאַנד אַ מעכטיקער קאַפּיטאַליסטישער סעקטאָר, וועמענס פּרצוף ס׳איז באַזונדער אָפּשטויסנדיק. ער איז זייער אָנגרייפעריש, וויל וואָס מער פאַרכאַפּן, נישט איבערקלייבנדיק אין די מיטלען. ער שטרעבט אַרויסצוציען מאַקסימאַלע רווחים, גרינגשעצנדיק די קאָנסעקווענצן פאַרן לאַנד.

אויף אַן אַרבעטער־באַראַטונג אין דער הסתדרות אין בת־ים, האָט אַן אַרבעטער־פאָרשטייער פון אַ גרויסער אונטערנעמונג, אַ פאָרשטייער פון מפּ״ם, זאַכלעך אויפגעקלערט אַ כלומרשטן פּאַראַדאָקס וואָס מיר באַמערקן אין דער ישראלדיקערווירטשאַפט, וואָס האָט באַקומען די צושטימונג פון אַלע אָנוועזנדיקע, איינגעשלאָסן דעם וויצע־פּאָרזיצער פון דער הסתדרות. פון איין זייט זענען די אַרבעטער־קאָסטן אין די ישראלדיקע אונטערנעמונגען אויף אַן איינצלנעם פּראָדוקט אַ סך ביליקער ווי אין די מערב־לענדער, צוליב די נידעריקערע אַרבעטער־לוינען, פון דער אַנדערער זייט אָבער קאָסט דער פּאַרטיקער פּראָדוקט אין ישראל אַ סך טייערער ווי אין די מערב־לענדער, און איז נישט קאָנקורענץ־פעיִק. די מלוכה איז געצוווּנגען צוצוצאָלן צום עקספּאָרט. ער האָט אָפּגעוואָרפן אַלס הויפּט־סיבה הויכע שטייערן, אָנווייזנדיק, אַז אויך אין יענע לענ־

דער צאַלט מען הויכע שטייערן. די הויפּט־סיבה זעט ער אין פאַקט, וואָס אין אַ פאַרהעלטנישמעסיק קורצער צייט זענען די פאַבריקאַנטן געוואָרן מיליאָנערן.

פון וואַנען נעמען זיך די הויכע פּראָפיטן? איך זע דריי הויפּט־קוואַלן: — דאָס שטאַרק עקספּלואַטירן די אַרבעטער, וועלכע נעמט אָן שיר נישט־מענטשלעכע פאָרמען אין די קלענערע אונטערנעמונגען און ביי כאַלופּניקעס וווּ עס עקזיסטירט נישט קיין שום פאָרם פון אַרבעטער־שוץ;

— באַרייכערונג אויפן חשבון פון דער מלוכה: נישט צאָלן אָדער ווייניקער צאָלן די שטייערן, פּרובירן איבערכאַפּן אַ טייל פון מלוכה־איינקונפט, פון מגבית און מלוכה־הלוואות. באַנוצנדיק זיך דערביי מיט אַלע מעגלעכע מיטלען — כשרע און נישט־כשרע;

— אומבאַגרענעצטע העכערונג פון די פּרייזן אויפן חשבון פון פאַרברויכער. (דער פאַקט וואָס מ'האָט שטאַרק באַשרענקט די צאָל קאָנטראָלירטע פּראָדוקטן האָט געשאַפן אַ סיטואַציע פון פּערמאַנענטע פּרייזן־העכערונגען). די אַלע מעטאָדן ווערן אָנגעווענדט פּאַראַלעל, דערביי די וואָס באַרייכערן זיך אויפן חשבון פון דער מלוכה, באַמיען זיך צו קאָרומפּירן אַ טייל פון מלוכה־אַפּאַראַט.

דאָס איז איינע פון די סיבות פאַר די אַלע מיסברויכן און קאָרופּציעס, וועלכע מיר האָבן בייגעלעבט און וועלכע האָבן אויפגעטרייסלט די געזעלשאַפטלעכע עפנטלעכקייט.

די איינציקע אין לאַנד וואָס צאָלן די פולע שטייערן זענען די אַרבעטער, אָנגעשטעלטע, לערער און וויסנשאַפטלער — ברייט גענומען: דער אַרבעטער־קלאַס. דער גרעסטער אָנשפאַר פאַר דער מלוכה זענען די אַרבעטער, די אַרבעטנדיקע אינטעליגענץ, קבוצים און מושבים, און דאָס האַנטווערקערטום.

דער שטרייק אין „עלית" האָט אַנטפּלעקט געוויסע שטריכן, וועלכע האָבן געצוווּנגען ערנסט זיך צו פאַרטראַכטן וועגן דער ווייטערדיקער צוקונפט. „עלית" איז אין משך פון אַ רעלאַטיוו קורצער צייט אויסגעוואַקסן פון אַ נישט־גרויסער פאַבריק אין רמת־גן צו אַ מעכטיקן קאָנצערן, וואָס האָט איינגעשלונגען אַלע אַנדערע שאָקאָלאַד־פאַבריקן אין לאַנד, מיטן גרעסטן קאָנקורענט „ליבר" בתוכם, און געוואָרן אַ מאָנאָפּאָליסט פאַר שאָקאָלאַד־ און קאַפע־אויסאַרבעטונגען אין לאַנד. און ווייל דער פּרעזעס פון „עלית" איז גלייכצייטיק דער פּרעזעס פון פאַבריקאַנטן־פאַרבאַנד, האָט ער דעם קאַמף קעגן „זיינע" 2.000 אַרבעטער פאַרוואַנדלט אין אַ קאַמף קעגן אַרבעטער־קלאַס אין לאַנד, געוואָלט זיי געבן אַ „לעקציע" און אַזוי אַרום אָפּנעמען דעם חשק פון אַנדערע אַרבעטער צו פירן אַ קאַמף פאַר פאַרבעסערן זייערע לעבנס־באַדינגונגען.

דער פּרעזעס האָט דערביי געלערנט פון די דערפאַרונגען פון קלאַסן־

קאַמף. קודם האָט ער אָנגעהויבן אַ מעכטיקע פּראָפּאַגאַנדע, געוואָלט דערווייזן, אַז די אַרבעטער האָבן ביי אים די בעסטע באַדינגונגען און דעריבער זענען נישט פאַרשטענדלעך די מאָטיוון פון שטרייק. זיי טראָגן זיכער אַ פּאָליטישן כאַראַקטער. פאַרטושנדיק אַזעלכע איינפאַכע און קלאָרע פאָדערונגען, ווי גלייכן געהאַלט פאַר פרויען און מענער ביי ענלעכער אַרבעט, געהעכערטע אַנטשעדיקונג ביים באַפרייען פון דער אַרבעט, אַ לוין־העכערונג אד״גל, האָט ער אַרויסגערוקט בראש גראָד אַ גערעכטע פאָדערונג — אָנטייל פון די אַרבעטער אין די רווחים, — וואָס איז שוין זינט יאָרן איינגעפירט אין פיל קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען. ער האָט די גערעכטע פאָדערונג פאָרגעשטעלט אַלס אַן אומזין, אַן אַריינמישונג אין „זייך” געשעפט. מיט פאַרשידענע קונצן אין דער טעלעוויזיע זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז דער קאָנצערן האָט כמעט קיין רווחים נישט. (פאַר וואָס זשע האָט ער מורא פאַרן אָנטייל אין די רווחים?).

נאָך די פּראָפּאַגאַנדע־צוגרייטונגען איז ער אַריבערגעגאַנגען צו מעשים: סאַבאָטירט די אונטערהאַנדלונגען און גלייכצייטיק געוואָרפן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויף דער „הסתדרות”; זיך באַמיט אַנטקעגנצושטעלן „זיינע” אַרבעטער דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין און דער „הסתדרות”; באַמיט זיך צו שאַפן אַ שטימונג פון גרינגשעצן דעם שטרייק; ער פאָרט זיך אויף אורלויב און וויל דורך אַ לאַנג־דויערנדיקן שטרייק אויסהונגערן די אַרבעטער און זיי ברעכן. כדי צו מאַניפעסטירן זיין כוח, מאָביליזירט ער אַלע פאַבריקאַנטן פון ישראל, שאַפט אַן איינהייטלעכן אַנטי־אַרבעטער־פראָנט, די פאַבריקאַנטן צאָלן איין מיליאָנען לירות כדי צו שטיצן „עלית”.
יאָ, די פאַבריקאַנטן פון „עלית” האָבן געלערנט פון דער דערפאַרונג פונעם קלאַסן־קאַמף. דורך אַן איינהייטלעכן פראָנט פון אַלע פאַבריקאַנטן ווילן זיי ברעכן די סאָלידאַרע שטעלונג פון די אַרבעטער פון „עלית” און אַזוי אַרום — פון אַלע אַרבעטער אין לאַנד.

זיי האָבן אָבער געהאַט אַ גרויסן טעות. נישט נאָר די פאַבריקאַנטן האָבן געלערנט, נישט ווייניקער האָבן געלערנט די אַרבעטער און זייערע אָרגאַניזאַציעס. ממש אַ כוואַליע פון סאָלידאַריטעט האָט אַרומגענומען אַלע אַרבעטער אין לאַנד, צו וועלכע ס׳זענען מאַסנווייז צוגעשטאַנען די קיבוצים. די שטרייקנדיקע פון „עלית” זענען נישט געווען פאַראייניזאַמט. דער איינהייטלעכער אַרבעטער־פראָנט, אונטער דער אָנפירונג פון דער הסתדרות, האָט געבראָכן די שטעלונג פון די פאַבריקאַנטן.

דער שטרייק אין „עלית”, דער וויכטיקסטער און גערעכטסטער אין מיין פעריאָד, פאַרנעמט אַן אָנגעזעען אָרט אין מיינע באַטראַכטונגען. ער באַווייזט אויף דער נויטווענדיקייט צו זאַמלען אַלע כוחות פון אַרבעטנדיקן פאָלק, פון גלויביקע און נישט־גלויביקע, פאַר פאַרשטאַרקן זייער כוח, זייער איינפלוס אין דער מדינה, אויסווירקן אַ דרוק אויף דער ווייטערדי־

קער אַנטוויקלונג אין דער ריכטונג פון אַן אַרבעטנדיקער ישראל, אַ מער יושרדיקע און גערעכטע, אַ סאָציאַליסטיש לאַנד.

די היינטיקע פּאָליטישע קאָנפיגוראַציע אין לאַנד, — דער „מערך", ווי די אָנפירנדיקע פּאָליטישע ריכטונג, — האַלט איך אַלס די איינציק רעאַלע און די איינציק מעגלעכע. איך זע נישט אין די אינטערעסן פון לאַנד און פון די אַרבעטנדיקע קיין אַנדער אַלטערנאַטיוו. אַלע אַנדערע וואַריאַנטן שטרעבן צו פאַרערגערן די לאַגע פון אַרבעטער־קלאַס, צו פאַרקלענערן דעם געזעלשאַפטלעכן סעקטאָר לטובת דעם קאַפּיטאַליסטישן, צו פאַראָרעמערן די אַרבעטנדיקע מאַסן און דערמיט אָפּשוואַכן דעם געזעלשאַפטלעכן באַזיס פון דער רעגירונג. דער „מערך" איז די איינציקע לייזונג.

גלייכצייטיק זע איך אַ ריי שוואַכקייטן פון „מערך", וועלכע דרינגען אַרויס פון זיין שטרעבונג זיך גלייכצייטיק אָנצושפּאַרן אויף מער באַרייכערטע גרופּן, אויף רעכטע עלעמענטן. דערפון דרינגען אַרויס אַ ריי וואַקלענישן, וועלכע רופן אַרויס אומצופרידנקייט ביי זיינע אָנהענגער.

דער הויפּט־ציל אין איצטיקן מאָמענט איז — פאַרשטאַרקן דעם „מערך" דורך שאַפן אַ ברייטן און שטאַרקן לינקן פליגל אינעווייניק פון „מערך", איבעררייסן מיט די רעכטע עלעמענטן און געבן אים אַן אויסגעשפּראָכענעם כאַראַקטער פון דעם אַרבעטנדיקן ישראל. דערצו איז נייטיק צו שאַפן אַ קאָנצענטראַציע פון אַלע עכט־סאָציאַליסטישע אַרבעטנדיקע כוחות אין לאַנד.

לויט מיר נאָך איז רעאַל אַזאַ קאָנצענטראַציע פון אַלע סאָציאַליסטישע, פּאַטריאָטישע כוחות אויסשליסלעך אין און אַרום „מפ"ם".

די פאַרשטאַרקונג פונעם לינקן פליגל פון „מערך", די „מפ"ם" און אַנדערע קאָנסעקווענט־סאָציאַליסטישע גרופּירונגען וואָס אינעם „מערך" וועט דערמעגלעכן צו שאַפן אַן אַרבעטער־רעגירונג אָן דער מיטבאַטייליקונג פון רעכטע עלעמענטן, העכסטנס נאָר מיט זייער אונטערשטיצונג, וועט דערמעגלעכן אָנצוהייבן אַ גרויסע אָפענסיווע אין גאַנצן לאַנד אין די אינטערעסן פון אַרבעטנדיקן פאָלק און דערמיט — אין די אינטערעסן פון דער גאַנצער מדינה.

מיר מערקן אין לאַנד שטרעבונגען פון געוויסע רעכטע, בורזשואַזע עלעמענטן און זייערע פּאַרטייען אויסצונוצן אַ ריי שוואַכקייטן און שלעכטע דערפאַרונגען, אָבער נישט כדי זיי צו באַזייטיקן און פאַרבעסערן די לאַגע פון די אַרבעטנדיקע שיכטן, נאָר צוליב דעמאַגאָגישע צוועקן, אַלס אַ מיטל צו דעראָבערן די מאַכט.

צו די פּראָבלעמען געהערן: וווינונגס־שוועריקייטן פאַר פיל־קינדער משפּחות און פאַר יונגע פּאָרלעך; וואַקסנדיקע אינדיפערענציאַציע צווישן די רייכע און אויפגעקומענע מיליאָנערן פון איין זייט און די אַרבעטנדיקע מאַסן פון דער צווייטער זייט; וואַקסנדיקער יקרות וואָס טרעפט קודם־כל

דער אָרעמער באַפעלקערונג; ביוראָקראַטישע, אַנטי־הומאַנע מעטאָדן אין פאַרשידענע אָמטן פון לאַנד.

די רעכטע בורזשואַזע פּאַרטייען לייגן אָבער נישט פאָר צו באַזייטיקן די אַלע שלעכטע דערשיינונגען דורך צוציען די אַרבעטנדיקע פון לאַנד, די ברייטע פאָלקס־מאַסן צו דער קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציע און די פּרייזן, איינפירן דעם אָנטייל פון די אַרבעטנדיקע אין די רווחים פון די אונטערנעמונגען.

זיי לייגן נישט פאָר פּילפּאַך צו פאַרגרעסערן די שטייערן פון די מיל־יאָנערן און באַרייכערטע גרופּן פון איין זייט און פון דער צווייטער זייט — צו פאַרקלענערן די שטייערן פון די אַרבעטנדיקע.

דאַקעגן פּרוּוון זיי אויף אַ דעמאַגאָגישן אופן אַנטקעגנשטעלן די באַ־זונדערע עדה׳ס פון יידישן פאָלק, וואָס פירט אָביעקטיוו צו אונטער־גראָבן דעם יסוד פון אונדזער פאָלק, די גאַנצקייט פון דער ישראל־מדינה. זיי פירן אָן אַ העץ־קאַמפּאַניע קעגן נייע עולים און ספּעציעל קעגן די עולים פון ראַטן־פאַרבאַנד, וועלכע באַקומען כלומרשט דירות אויפן חשבון פון די יונגע פּאָרלעך. זיי העצן בכלל קעגן שטרייקן אין לאַנד, ווילנדיק דערמיט אונטערגראָבן דעם יסוד פון דער אַרבעטער־דעמאָקראַטיע, וואָס באַדראָט אַלע אַרבעטנדיקע, אומאָפּהענגיק פון זייער לאַנד־אָפּשטאַם, רע־ליגיעזע און נישט־רעליגיעזע. פאַראַן אַפילו אַזעלכע וואָס טרוימען פון אַן אייגנאַרטיקער פאָרם פון דיקטאַטור, וואָס קאָן בלויז פירן צו אונטער־גראָבן די עקזיסטענץ פון מדינת ישראל.

נישט לאַנג צוריק האָבן מיר געפייערט דעם 25־סטן יאָר־טאָג פון מדינת ישראל, וועלכע האָט אַנטפּלעקט גרויסע דערגרייכונגען אויף אַלע געביטן ממש פון אונדזער לעבן. מיר האָבן אַ פּרעכטיקע אַרמיי, דעם צה״ל, אַן אמתע פאָלקס־אַרמיי, וואָס איז פאַרבונדן מיט טויזנטער פעדעם מיט דער באַפעלקערונג, וואָס דאָס איז אגב איינער פון די הויפּט־מקורים פון זיין כוח, אין קעגנזאַץ צו די אַרמייען פון די א״ג סאָציאַליסטישע לענדער, וווּ די אַרמיי איז אַנטקעגנגעשטעלט דער באַפעלקערונג.

מיר האָבן געשאַפן אַ מאָדערנע אַגראַר־פּראָדוקציע, געשטיצט אין אַ גרויסן טייל אויף קאָלעקטיווע יסודות, וואָס האָט נישט קיין ביישפּיל אין דער געשיכטע, אינגאַנצן אין קעגנזאַץ צו די קאָלכאָזן אין ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס זענען געבויט קעגן ווילן פון דער באַפעלקערונג, אויף די ביינער פון מיליאָנען דערמאָרדעטע מענטשן.

מיר מערקן אַ שנעלן טעמפּ פון אַנטוויקלונג פון אונדזער אינדוסטריע, פון בוי־וועזן, וואָס פאַרוואַנדלען דאָס לאַנד אין אַ מאָדערנע, פאָרגעשרי־טענע מלוכה. אויסער די קבוץ־אונטערנעמונגען, וועלכע זענען געבויט אויף נייע, אייגנאַרטיקע יסודות, מערקן מיר אין די איבעריקע געזעל־שאַפטלעכע אונטערנעמונגען, — ווי עס דוכט זיך דעם מחבר פון אָט די שורות — שטריכן וועלכע באַאומרויקן, ווייל זיי דערמאָנען, אין אַ געווי־

סער מאָס, די פאַרגעזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען אין די א״ג סאָציאַליסטישע לענדער און פאַרמאָגן צו ווייניק אייגנאַרטיקס. נאָר דורך דער אַקטיווער מיטבאַטייליקונג פון די באַשעפטיקטע אין די אונטערנעמונגען, קאָן מען זיי פאַרוואַנדלען אין אַ טרייב־קראַפט צום איבערבויען די גאַנצע ווירטשאַפט פון לאַנד. דער געזעלשאַפטלעכער האַנדל איז נאָכנישט געוואָרן דער ווירדיקער אינסטרומענט אין די הענט פון דער רעגירונג און פון דער גאַנצער געזעלשאַפט צו צוימען די פרייז־העכערונגען און נישט־באַרעכטיקטע רווחים.

טראָץ די פאַרשידענע מיינונג־פאַרשידנקייטן, איז פאַראַן אַ רעאַלער פראָגראַם צו לייזן די שלום־פראַגע, געשטיצט אויף צוויי פרינציפן: שאַפן פאַר ישראל זיכערקייט־באַדינגונגען אויף לאַנגע יאָרן און שאַפן באַדינגונגען פאַר אַ פרידלעכער צוזאַמענאַרבעט און צוזאַמענלעבן מיט דער אַראַבישער באַפעלקערונג. אָבער די לייזונג איז אָפּהענגיק פון צווייטן צד, וועלכער קאָן נאָכנישט משלים זיין מיט דער עצם עקזיסטענץ פון ישראל.

עס באַאומרויִקט די שטרעבונג פון רעליגיעזע גרופן און פאַרטייען אָנצווואַרפן אַלץ מער זייער העגעמאָניע אויפן געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן פון לאַנד, הגם זיי בילדן אַ נישט־גרויסן פראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. זייענדיק קעגן פונאַנדערפלאַקערן אַ רעליגיעזן קאַמף, אַ „קולטור־קאַמף״, דאַרפן מיר אָבער קאָנסעקווענט שטרעבן צו אַ פולקומער טאָלעראַנץ, וואָס איז דער יסוד פון יעדער דעמאָקראַטיע. געמיינזאַמע טאָלעראַנץ און פולע גלייכבאַרעכטיקונג פאַר גלויביקע און נישט־גלויביקע אויף אַלע געביטן; שאַפן באַדינגונגען, אַז יעדער מענטש זאָל זיך אויסלעבן לויט זיינע געוווינהייטן און שטרעבונגען און ווי אַן ענד־ציל — אָפּטיילן די רעליגיע פון דער מדינה, ווען ס׳וועלן געשאַפן ווערן פאַר דעם געהעריקע באַדינגונגען.

פאַראַן אין לאַנד טויזנטער סאָציאַליסטיש געשטימטע מענטשן, וואָס שטייען, לוידער, אין אַ זייט און נעמען נישט קיין אָנטייל אין ברויזנדיקן געראַנגל פון גאַנצן פאָלק. פאַראַן אַזעלכע וואָס זוכן אַן אויסוועג אין גרינדן פאַרשידענע נייע גרופן און פאַרטייעלעך, נישט פאַרשטייענדיק, אַז דערמיט לייגן זיי צו אַ האַנט צו אַ נאָך גרעסערער צעשפּליטערונג פון די כוחות. פאַראַן אויך אייניקע, וואָס האָבן זיך נאָך נישט באַפרייט פון קאָשמאַרן־חלום פון סאָוויעטישן „סאָציאַליזם״.

די אַלע דאַרפן פאַרשטיין, אַז בלויז די קאָנצענטראַציע פון אַלע כוחות אין „מערך״ — אין און אַרום „מפ״ם״, שאַפט רעאַלע מעגלעכקייטן אויף אויסצואיבן אַ דרוק אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון לאַנד, אין הסכם מיט די אינטערעסן פון די אַרבעטער און די ברייטסטע פאָלקסמאַסן, בתנאי, אַז מ׳נעמט אָן ציוניזם ווי די נאַציאָנאַלע באַפרייונג־באַוועגונג פון יידישן פאָלק און מען פאַרבינדט אים מיטן קאַמף פאַר סאָציאַליזם אין ישראל.

באַמערקונגען:

1 P.K.W.N. — Polski Komitet Wyzwolenia Narodowego,
די ערשטע פּוילישע צייטווייליקע רעגירונג, פֿון יולי 1944 ביזן 1־טן יאַנואַר 1945.

2 POP — Pełniący Obowiązki Polaka.

3 AK — Armia Krajowa
אַ גרויסע פּוילישע אונטערערדישע אַרמיי, בעת דער היטלער־אָקופּאַציע, וואָס איז געווען אונטערגעאָרדנט דער פּוילישער עמיגראַציע־רעגירונג אין לאָנדאָן.

4 В. И. Ленин, Сочинения, Издание четвертое, 1948 г. том 20, стр. 12. «Критические заметки по национальному вопросу».

5 В. И. Ленин, Сочинения, Издание четвертое, том 7, стр. 48, 1946 г. «Максимум беззастенчивости и минимум логики».

6 В. И. Ленин, том 7, стр. 83, «Положение Бунда в Партии».

7 В. И. Ленин, том 20, стр. 12. «Критические заметки по национальному вопросу».

8 В. И. Ленин, Там же, стр. 13.

ISBN: 0-657-04954-9
Old Call#:, Vol.

פרייז 3 לירות